Nr. 27 / April 2002

# JIDDISTIK MITTEILUNGEN

## Jiddistik in deutschsprachigen Ländern

**Esfir Bramson-Alperniene:**
**דער ווילנער ייִדישער פֿאַרלאַג**
**און זייַן גרינדער באָריס קלעצקין**

**Peter Blastenbrei:**
**Johann Christoph Wagenseil**

**Walter Röll: *Guten Rutsch*?**

**Buchanzeigen**

**Lehrveranstaltungen an Hochschulen**

**Andere Lehrveranstaltungen**

**Kulturelle Veranstaltungen**

**Nachrichten**

**Neuerscheinungen**

*Jiddistik-Mitteilungen*
herausgegeben von der Jiddistik im Fachbereich Sprach- und Literaturwissenschaften der Universität Trier, 54286 Trier.
Redaktion: Jiddistik der Universität Trier

Einsendungen werden erbeten an:
Universität Trier, FB II / Jiddistik, Jiddistik-Mitteilungen, 54286 Trier – Redaktionsschluß für die Ausgabe zum Wintersemester ist der 1. September, für die Ausgabe zum Sommersemester der 1. März.

Preis pro Heft: 3,00 € - Überweisung – auch für mehrere Ausgaben auf einmal – an:

Achtung neue Konto-nummer

FB II Jiddistik - Sparkasse Trier, BLZ 585 501 30, Kto. Nr. 248 78 17.

ISSN 0947-6091

# דער ווילנער ייִדישער פֿאַרלאַג
# און זײַן גרינדער באָריס קלעצקין

עס איז ניט קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דאָס וויכטיקסטע, כמעט, און בעסטע, וואָס איז צוגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז אַרויסגעקומען דורך דעם ווילנער פֿאַרלאַג פֿון באָריס קלעצקין. די אויסגאַבעס פֿון דעם פֿאַרלאַג מיט דעם בילד פֿון ווילנער געטאָ־טויער זײַנען געווען און געבליבן ווי מאַניפֿעסטן פֿון דער קולטור־באַוועגונג אין ייִדיש, פֿאַר איר פֿאַרבינדונג מיט דעם ייִדישן פֿאָלקסלעבן. באָריס קלעצקין איז געבאָרן 1875, געשטאָרבן דעם 17טן סעפּטעמבער 1937. זײַן היימשטאָט: האָראָדישטש, ווײַסרוסלאַנד; די משפּחה: 10 דורות רבנים. דער פֿאָטער האָט זיך פֿאַרנומען מיט וואַלדהאַנדל און געפֿירט גרויסע געשעפֿטן. צו זײַנע 10 יאָר איז די משפּחה אַריבערגעפֿאָרן קיין ווילנע, וווּ ער האָט באַקומען בילדונג בײַ פּריוואַטע לערער. שוין אין דער יוגנט אַרײַן אין די ערשטע ייִדישע אַרבעטער־קרײַזלעך, געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן“ צו פֿאַרשפּרייטן ליטעראַטור צווישן ייִדישע אַרבעטער, גרינדן ייִדישע אַרבעטער־ביבליאָטעקן. ער איז געווען איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער לעגאַלער פֿאַרלעגערײַ און פֿאַרשפּרייטונג פֿון די ערשטע ייִדישע אַרבעטער־אויסגאַבעס, אָרגאַניזירט די בוכהאַנדלונג פֿון אַבֿרהם גאַסעלניק. אָט די קראָם איז געוואָרן אַ צענטער פֿון דעם נײַעם ייִדישן בוך. צוליב דעם פֿאָטערס געשעפֿטן איז ער אַרום־געפֿאָרן אין די שטעטלעך. דאָרטן האָט ער פֿאַרשפּרייט נײַע ייִדישע ביכער, אַרויסגעגעבענע אין רוסלאַנד און אַמעריקע, געזוכט אָנהענגער. נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער מיטגעהאָלפֿן אָרגאַניזירן די לעגאַלע פּרעסע: „דער וועקער“, „די פֿאָלקסצײַטונג“ און דעם פֿאַרלאַג פֿון בונד: „די וועלט“. ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי זינט איר גרינדונג. אין 1910טן יאָר האָט ער געגרינדעט דעם „ווילנער

פֿאַרלאַג פֿון ב. אַ. קלעצקין". אַ כאַראַקטעריסטיק צו זײַן פערזענלעכקייט אין יענער צײַט געפֿינען מיר בײַ אַ. פֿרידקין.[1]

„ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ ׳ליטעראַרישן׳ קראַוואַט און מיט אַ געפּוצט שוואַרץ בערדל, צוויי סימנים פֿון יענער עפּאָכע פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ. מאַניער, פּאָזע, אָנשטעל האָבן אַלע מאָל פֿאַרנומען אַ געוויסן אָרט אין זײַן כאַראַקטער. דעמאָלט איז ער נאָך געווען דער יונגער גבֿיר, דער מענטש פֿון גרויסע געשעפֿטן, דעמאָלט איז ער געווען דער נײַער מעצענאַט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט געזאָלט שפּילן די ראָלע פֿון סאַווע מאָראָזאָוו אויפֿן ייִדישן קולטור־געביט. ס׳איז געווען די צײַט פֿון מעצענאַטנטום בײַ ייִדן, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע דורות נאָך פֿון באַראָן גינזבורג."

אַלס אָנפֿירער פֿון פֿאַרלאַג האָבן אין פֿאַרשיידענע צײַטן געאַרבעט אַזוינע פערזענלעכקייטן, ווי אַ. ווײַטער, שמואל ניגער, נחום שטיף, זעליג קלמנאָוויטש. דער פֿאַרלאַג האָט שוין פֿון יאַנואַר 1913 איבערגענומען דעם חודש־זשורנאַל „די ייִדישע וועלט", געגרינדעט אין פעטערבורג, רעדאַגירט פֿון דוד בערגעלסאָן און שפּעטער שמואל ניגער. זײַן טיראַזש האָט דערגרייכט איבער 6000 עקזעמפּלאַרן. אָנהייב 1914 האָט דער ווילנער פֿאַרלאַג זיך פֿאַרבונדן מיטן „ליטעראַרישן פֿאַרלאַג" אין ניו־יאָרק, וווּ עס איז אַרויסגעגאַנגען דער זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן". עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפֿצוגיסן פֿאַר אַמעריקע בײדע זשורנאַלן, אַז מען זאָל פֿון ווילנע שיקן מאַטריצן און אַרטיקלען, וואָס ווערן געדרוקט אין דער „ייִדישער וועלט" און פֿון אַמעריקע זאָל מען שיקן אַמעריקאַנער מאַטעריאַלן. פֿון ווילנע זײַנען געשיקט געוואָרן מאַטריצן פֿון צוויי אָדער דרײַ נומערן, וואָס זײַנען אין אַמעריקע אויסגעניצט געוואָרן ערשט, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און קיין פֿאַרבינדונגען זײַנען מער ניט געווען. בײַם אויסבראָך פֿון דער מלחמה איז ב. קלעצקין מיט זײַן משפּחה געווען אין דײַטשלאַנד. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט ער זיך אומגעקערט קיין ווילנע און דער פֿאַרלאַג האָט ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן. אַרויסגעגעבן דעם „פּנקס", געגרינדעט דעם ערשטן ייִדישן קינדער־זשורנאַל „די גריניקע ביימעלעך", אויפֿן שער־בלאַט דער מאָטאָ:

[1] אַ. פֿרידקין (ווילנע): „דער מענטש פֿון פּלענער". אין: ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע) נ״ר 48 (655) 27.11.1936 ז׳ 761-762. [דער נ״ר 48 איז אַ יובֿל־נומער, געווידמעט „25 יאָר ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין"]



אונטער די גריניקע
ביימעלעך
שפּילן זיך משהלעך
שלמהלעך...
ח. נ. ביאַליק

וועלכער האָט דערצויגן ניט איין דור ייִדישע קינדער און מיך אויך. דער פֿאַרלאַג האָט שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ניט נאָר אין דער ייִדישער פֿאַרלאַגס־טעטיקייט, נאָר אויך אין דער גאַנצער ייִדישיסטישער קולטור־באַוועגונג.

די ערשטע אויסגאַבעס זײַנען געווען שלום אַשס „מעשׂהלעך פֿון חומש", דוד איינהאָרנס „מײַנע לידער" אַ. ווײַטערס (אײַזיק־מאיר דעווענישסקי) „דער שטורעם", קיפּלינגס „דאָס בוך פֿון דזשונגל" אין אַן אילוסטרירטער פּראַכט־אויסגאַבע אאַ״וו.

די ערשטע לערנביכער און מעטאָדישע אָנווײַזונגען זײַנען געווען די אָנזאָגער פֿאַר דעם שפּעטערדיקן ייִדישן לערנבוך. ב. קלעצקין איז אַוועק קיין רוסלאַנד; צוליב זײַנע געשעפֿטן געלעבט אין פֿאַרשיידענע שטעט; צוליב דעם פֿאַרבאָט פֿון ייִדיש, אומלעגאַל אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכער, דער הויפּט פֿאַר קינדער. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע האָט ער געלעבט אין באָברויסק; כאָטש אַן אייגנטימער פֿון פֿאַבריקן איז ער געוואָרן אויסגעוויילט אין קאָמיטעט פֿון „בונד". אין 1919 איז ער צוריקגעקומען קיין ווילנע און באַנײַט די טעטיקייט פֿון זײַן פֿאַרלאַג.

שוין אין 1905 האָט ב. קלעצקין אָפּגעקויפֿט די דרוקערײַ פֿון בונדישן צענטראַלן קאָמיטעט אין ווילנע. זי האָט זיך געפֿונען אין אַן ענגן לאָקאַל אויף זאַוואַלנע 33 און איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו דרוקן ביכער. אין דער דרוקערײַ האָט זיך געדרוקט דער זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן". ב. קלעצקין אַליין ווי אַ דרוקער האָט פֿאַר דרוקאַרבעט באַקומען ניט מער געצאָלט ווי די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער. אין 1911 פֿאַרבינדט זיך ב. קלעצקין ווידער אַ מאָל מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, דאָס מאָל שוין אויף שטענדיק. דער פֿאַרלאַג איז געווען זײַן אידעע, אָבער אויסגעפֿירט דעם פּלאַן האָט אַ. ווײַטער. די אַזוי גערופֿענע קאָנסטיטוציע פֿון פֿאַרלאַג איז געווען:

דער פֿאַלאַג קויפֿט ניט אָפּ בײַ די מחברים קיין ביכער, די אַרויסגעגעבענע ביכער בלײַבן דאָס אייגנטום פֿון די שרײַבער, דער פֿאַרלאַג נעמט פֿאַר זיך נאָר אַראָפּ די פֿאַקטישע דרוקקאָסטן מיט אַ געוויסן פּראָצענט

פֿאַר דער פֿאַרוואַלטונג, די איבעריקע הכנסה פֿון דעם בוך גייט פֿאַרן מחבר.

פֿאַר די ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן פֿריִער פֿאַרקויפֿט זייערע ווערק שפּאָט ביליק, האָט דער פֿאַרלאַג געקענט עפֿענען פּערספּעקטיוון פֿון רעגלמעסיקן פֿאַרדינסט... אויב זייערע ווערק זאָלן האָבן אַ גוטע פֿאַרשפּרייטונג. דער ווילנער פֿאַרלאַג איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט, נאָך שלום־עליכמען, געצאָלט האָנאָראַר מיט אַ ברייטער האַנט. אויך י. ל. פּרץ, מענדעלע, ד. בערגעלסאָן האָבן באַקומען אַ גאַנץ סאָלידן האָנאָראַר. אָבער אין פּרינציפּ ווערט דער האָנאָראַר געצאָלט ערשט נאָך דעם, ווי עס ווערן געדעקט די הוצאות פֿון דרוק... אַזוי אַז מחברים, וועלכע האָבן זיך פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרלאַג, האָבן געקראָגן אַוואַנסן: שלום אַש, בעל־מחשבֿות, אַבֿרהם רייזען א״אַ. דער פֿאַרלאַג האָט געוואָלט ניט נאָר באַשיצן די מחברים נאָר אויך געזאָרגט פֿאַר די ווערק. מען האָט געזוכט שיינע פֿאָרם פֿון זאַץ, געלאָזט צייכענען און שניצן באַזונדערע אותיות, געבראַכט קלישעס פֿון פּאַריז, באַשטעלט ספּעציעלע פּאַפּיר, געזאָרגט פֿאַרן עסטעטישן אויסזען פֿון די אײַנבונדן, דאָס האָט געקאָסט געלט, אָבער דער פֿאַרלאַג האָט ניט געוואָלט קאַרגן צום שאָדן פֿון בוך. אַזוי האָט מען פֿון קיפּלינגס „בוך פֿון דזשונגל“ אַרויסגעוואָרפֿן די אָפּגעדרוקטע בויגנס; זיך אַרומגעזען, אַז די איבערזעצונג איז ניט געלונגען און געמאַכט אויף ס׳נײַ. אין משך פֿון יאָרצענדליקער האָט דער פֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן הונדערטער ביכער, אָריגינעלע און איבערזעצונגען. ב. קלעצקין האָט דעם פֿאַרלאַג אָפּגעגעבן אַלע זײַנע כּוחות, אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן. נישט געווען בײַ אים קיין גרעסערער יום־טובֿ, ווי דאָס דערשײַנען פֿון אַ נײַ ייִדיש בוך. אין זײַן ליבשאַפֿט צום ייִדישן בוך, איז ער גרייט געווען אויף אַלע קרבנות.

וואָס האָט דער פֿאַרלאַג פֿאָרגעלייגט דעם ייִדיש־לייענער לויט דעם קאַטאַלאָג פֿאַרן 1924סטן יאָר?[2]

— 1. בעלעטריסטיק

ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער (41 שרײַבער, 19 איבערזעצונגען)

צ״ב: פֿון דער וועלט־ליטעראַטור: ה. הײַנע, טש. דיקענס, ג. דע מאָפּאַסאַן, אַ. סטרינדבערג, ר. טאַגאָר, ל. טאָלסטוי, מ. לערמאָנטאָוו, אַ. פּושקין.

---

[2] קאַטאַלאָג „ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. אַ. קלעצקין 1924 (פֿאַראַן אין דער ליטווישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק).



— 2. דראַמען (9 שרײַבער)

צ״ב: ב. שאָו — קאַנדידאַ.

— 3. קריטיק און וויסנשאַפֿט (15 שרײַבער)

צ״ב: ז. רייזען — לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע, פֿילאָלאָגיע (בב׳ 1–3).

— 4. לערנביכער (83 שרײַבער, 10 איבערזעצונגען)

צ״ב: כרעסטאָמאַטיעס, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, ליטעראַטור־געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפֿט, פּעדאַגאָגיק.

— 5. קינדער־ליטעראַטור (43 שרײַבער, 13 איבערזעצונגען)

צ״ב: ברידער גרים — שלומפּערל, טש. דיקענס — דאָמבי און זון, ע. וויניטש — די בין, מ. טווען — דער פּרינץ און דער בעטלער.

— 6. לעבנס־באַשרײַבונגען פֿון באַרימטע מענער (18 העפֿטן)

צ״ב: לעסינג און מענדלסאָן, ספּינאָזאַ, אַריסטאָטעל, פֿאַמיליע ראָטשילד.

כאָטש ס׳איז שטענדיק געשטאַנען די פֿראַגע וועגן דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די ביכער, האָבן זיי דערגרייכט ניט נאָר אייראָפּע, נאָר אויך די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, בראַזיל און אַפֿילו כאַרבין. די געשעפֿטס־פֿירונג איז געווען די שוואַכע זײַט פֿון פֿאַרלאַג און האָט דעם פֿאַרלעגער ניט געגעבן קיין מוט און גלויבן, אַז אַ פֿאַרלאַג פֿון גוטע ייִדישע ביכער קען ווערן אַ געשעפֿט, וואָס גיט הכנסה. ב. קלעצקין האָט געגלייבט, אַז מיט דער גרויסער צאָל גוטע ייִדישע ביכער וועט ער פֿאָרט אײַנעמען דעם לייענער און ער האָט כּסדר צוגעטראָגן אַלץ נײַע טויזנטער רובלס. ב. קלעצקין האָט אויסגעבויט, אויף קליין־סטעפּאַן־גאַס 23, זײַן נײַעם מויער און אין אַ גרויסער דירה, וואָס האָט פֿאַרנומען צוויי גאָרנס, איז אַריבערגעפֿאָרן דער פֿאַרלאַג מיט דער דרוקערײַ, וואָס איז געווען מאָדערן אײַנגעאָרדנט מיט דרוק־מאַשינעס, מיט זאַצמאַשינעס און אַפֿילו אַ ראָטאַציע־מאַשין! די פּלענער זײַנען גרויס; אַ חודש־זשורנאַל, אַ קינדער־זשורנאַל, קינדער־ליטעראַטור, וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור און נאָך און נאָך. דער טומל איז געווען גרויס, די באַוועגונג איז געווען גוואַלדיק. רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער זײַנען שטענדיק געזעסן אין ווילנע, שרײַבער האָבן זיך כּסדר אַרומגעדרייט אין פֿאַרלאַג, מען האָט שטענדיק געמאַכט פּלענער. די געשעפֿטן זײַנען געגאַנגען גוט, געלט איז געווען און ווו אויסצוגעבן איז אויך געווען, האָט מען געהאָרעוועט. אַ סך פּלענער זײַנען געבליבן אויפֿן פּאַפּיר. ס׳איז געווען אַ פּלאַן פֿון אַן ענציקלאָפּעדיע פֿאַר

קינדער, אַן ענציקלאָפּעדיע פֿאַר גרויסע, איבערזעצן דעם תּנך און תּלמוד און די נאָכתּלמודישע און די גאַנצע מיטל־אַלטערלעכע ליטעראַטור אין ייִדיש. ב. קלעצקין איז בטבֿע אַ מנחם־מענדל. אים איז געווען ווייניק דער פֿאַרלאַג מיט זײַן גאַנצן שטאַב, האָט ער אײַנגעאָרדנט בײַ זיך אין גוט, אין סטאַרעוואָ, אַ מין זומער־ און ווינטער־רעזידענץ, וווּ עס פֿלעגן זיצן אין געוויסע באַשטימטע צײַטן, אויף אַלן פֿאַרטיקן די גרעסטע ייִדישע שרײַבער (י. ל. פּרץ, ש. אַש, ד. בערגעלסאָן) און שרײַבן זייערע ווערק. דאָס איז געווען אַ מין אַקאַדעמיע...

אין 1925סטן יאָר האָט ב. קלעצקין די צענטראַלע אַריבערגעפֿירט קיין וואַרשע און פֿאַרוואַנדלט זי אין איינעם פֿון די גרעסטע ייִדישע פֿאַרלאַגן, אַרויסגעבנדיק די וויכטיקסטע ווערק פֿון דער ייִדישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור.

אויפֿן ביכערמאַרק האָבן זיך באַוויזן 28 בענד פֿון שלום־עליכם, 20 בענד פֿון פּרץ, 13 בענד דוד בערגעלסאָן, דאָס זעלבע פֿון י. אָפּאַטאָשו. בלויז אין די יאָרן 1927–1929 האָט דער פֿאַרלאַג אַרויסגעלאָזן נײַע ביכער אין 2768 דרוקבויגנס. אָן ב. קלעצקין וואָלטן זיי אויף דער וועלט ניט געקומען.

אין דער זעלבער צײַט קומט אויף דער ייִוואָ, מען דאַרף קויפֿן אַ פּלאַץ פֿאַר דעם בנין, עס קאָסט צוויי טויזנט דאָלער. ב. קלעצקין פֿאַרזעצט איינס פֿון זײַנע צוויי הײַזער און מען קויפֿט דעם פּלאַץ. דאָ ווערן שפּעטער אויך געדרוקט די „פֿילאָלאָגישע שריפֿטן" פֿון ייִוואָ. אָבער דער נײַער פֿאַרנעם פֿון דער טעטיקייט איז ניט געווען פֿאַר די מאַטעריעלע און פֿיזישע כּוחות פֿון איין מענטש, דאָס איז געווען אַן אַרבעט פֿאַר אַ מלוכה. דערצו איז אָנגעשטאַנען דער וועלטקריזיס – און עס האָט זיך אײַנגעבראָכן. אין אַרכיוו פֿון ייִוואָ ליגן ווילנער בריוו פֿון ב. קלעצקין צו ייִדישע שרײַבער אין אַמעריקע. אין וועלכע ער לייגט פֿאָר אַרויסצוגעבן אין ווילנע זייערע ווערק אין פּראַכטבענד אײַנגעפּאַקטע אין באַזונדערע שיידלעך אויף וועלכע מען וועט נאָר דאַרפֿן אָנשרײַבן דעם אַדרעס פֿון דעם אַבאָנענט און דערווײַזט, אַז דאָס וועט זײַן ביליקער ווי אין ניו־יאָרק און שענער.

אַזאַ בריוו, אַרויסגעשיקט פֿון וואַרשע דעם 22סטן פֿעברואַר 1928 צו אַב. קאַהאַן דעם גרינדער און רעדאַקטאָר פֿון ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס", דעם הייסן ווילנער, ליגט פֿאַר מיר... אויף אַ בלאַנק פֿון קלעצקין־פֿאַרלאַג אויף וועלכן עס איז אָפּגעדרוקט אַ רשימה פֿון זײַנע אויסגאַבעס מיט זײַן אונטערשריפֿט. אַ בריוו פֿון 2טן נאָוועמבער 1936 צו עלקין, אויך אַ ווילנער און אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער אין ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג. איך



ענדיק מיט אַ פּאָר זאַצן פֿון אַלטער קאַציזנע געווידמעט ב. קלעצקין צום 25-יעריקן יובֿל פֿון פֿאַרלאַג:

„נאָך קיין איין רײַכער ייִדישער דאָן־קישאָט האָט נישט פֿאַרטאַכלעוועט זײַן מאַיאָנטעק אויף אַזאַ קולטורעלן, אידעאַליסטישן שטייגער, ווי באָריס אַרקאַדיעוויטש קלעצקין און דערבײַ האָט ער קיין מאָל ניט געמאַכט די מינע פֿון אַ בעל־טובֿה... באָריס קלעצקין האָט אַליין פֿאַר זיך געבויט אַ דענקמאָל, אַ דענקמאָל פֿון אַ פּאָר מיליאָן ייִדישע ביכער, וואָס אַלע טראָגן זיי אויף זיך זײַן נאָמען... ב. קלעצקין האָט זיך אָבער דערוואָרבן אַ חשובֿ אָרט אין אונדזער קולטור־געשיכטע בײַ דער שפּיגלוואַנט לעבן פּרצן."[3]

עספּיר בראַמסאָן

די מחברטע איז די פֿאַרוואַלטערין פֿון יודאַיִק־סעקטאָר פֿון דער ליטווישער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק

[3] אַ. קאַציזנע (וואַרשע) „קאָניפּערשטאַן". אין: ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע) נ"ר 48 (655) 27.11.1936 ז' 764. דער טעקסט „באָריס אַרקאַדיעוויטש קלעצקין (צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פֿון אַלטער קאַציזנע)" וואָס איז איבערגעדרוקט אין: גאָלדענע קייט 116/17 (1985), ז. 185–190 (נאָך: מײַן רעדנדיקער פֿילם [וואַרשע], 10 (01.10.1937), איז אַן אַנדערער.